**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/04/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט די צוריק-עפענונג פון די פּאַפּאלאָופּען בריק לענגאויס יו. עס. רוט W9 אין אראנדזש קאונטי נאכפאלגנדיג חורבנות-אנזייענדע רעגנס

***די שיפקייט פון די פּאַפּאלאָופּען בריק אויף די דרום זייט איז שווער געשעדיגט געווארן פון פארפלייצונגען***

***סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט האט צוריקגעבויט און סטאביליזירט די 'עבאָטמענט' אין וויניגער פון פיר וואכן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די יו. עס. רוט W9 איז די טאון אָוו היילענדס, אראנדזש קאונטי, האט זיך צוריק געעפנט נאכפאלגנדיג די חורבנות-אנזייענדע פארפלייצונגען וועלכע האבן באטראפן די האדסאן וואלי אנהויב יולי. פרעצעדענטלאזע רעגנס האבן פאראורזאכט אז א 20-פיס-טיפע שטיק זאמד זאל ווערן ארויסגעשווענקט פון אונטער די שיפע חלק פון די פּאַפּאלאָופּען בריק ביי די דרום זייט. אין וויניגער פון פיר וואכן האבן אינדזשענירן פון די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) פלינקערהייט דורכגעפירט די דעזיין און קאנסטרוקציע פון א נייע אונטערהאלטונג סיסטעם פאר די קריטישע בריק, צוריק עפענענדיג די בריק און צוריק פארבינדנדיג די יו. עס. רוט W9 צו די Bear Mountain Circle, ערמעגליכנדיג קריטישע צוטריט צווישן וועסט פוינט און די בער מאונטעין בריק ביז וועסטשעסטער און פּאָטנעם קאונטיס, פּאליסעידס פארקוועי ביז ראקלענד קאונטי און יו. עס. רוט 6 ביז מערב אראנדזש קאונטי.

"די נאטור האט אנגעזייט חורבנות פאר ניו יארקער פריער דעם חודש, אבער מיר זענען איין טריט נאענטער זיך צו ערהוילן פון די חורבנות-אנזייענדע רעגנס און פארפלייצונגען וועלכע האבן באטראפן די האדסאן וואלי ראיאן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היינט עפענען מיר צוריק די פּאַפּאלאָופּען בריק, און דאס וועט פארגרינגערן צו פארן צווישן וועסט פוינט און דעסטינאציעס צו דרום — [און מיר האבן דאס געטוהן] אין א רעקארד-שנעלע צייט און לאנג פאר צענדליגע טויזנטע רייזנדע וועלן פארן צו זעהן אונזערע Army Black Knights טיעם אנהויבנדיג זייער סעזאן."

די פארנעם פון די שאדנס האט פארלאנגט אז א גרויסע מאס פון זאמד זאל אוועקגענומען ווערן, און NYSDOT אינדזשענירן האבן קאארדינירט א לייזונג צו אינסטאלירן א נייע וואנט סיסטעם אנגעפילט מיט זאמד אויסגעמישט מיט סינטעטישע מאטעריאלן וואס פארשטערקערן די זאמד. די סיסטעם איז אזא סארט פארשטערקערטע זאמד וואנט וואס באנוצט זיך מיט שיכטן פון מאטעריאלן, ווי סחורות און פארשידענע נעצן צו פארשטערקערן די זאמד און עס האלטן אין פלאץ. עס קען גענוצט ווערן צו אונטערהאלטן בריקן, שאסייען, שיפע פלעצער און אנדערע סטרוקטורן וואס דארפן א סטאבילע יסוד. סטעיט רעגירונג מאנשאפטן און אנדערע אונטער קאנטראקט האבן אינסטאלירט די סיסטעם לענגאויס די שיפע חלק און צוריק אוועקגעשטעלט די שאסיי פאר רייזנדע.

יו. עס. רוט W9 איז געווען איינס פון די פילע שאסייען אריבער ניו יארק וועלכע האבן געליטן פון באדייטנדע שאדנס פון די שווערע וועטער וואס האט באטראפן די סטעיט פריער דעם חודש. פון יולי 9 ביז יולי 10, זענען מער פון אכט אינטשעס פון רעגן באריכטעט געווארן אין חלקים פון די מיד-האדסאן ראיאן, און מער פון פינף אינטשעס פון רעגן זענען באריכטעט געווארן אין אָנטאַריאו קאונטי, אין די פינגער לעיקס ראיאן. פון יולי 10 ביז יולי 11 האבן חלקים פון די נארט קאנטרי געזעהן עטליכע אינטשעס רעגן אין א קורצע צייט אפשניט, פאראורזאכנדיג חורבנות-אנזייענדע פארפלייצונגען, אפשפארנדיג שאסייען און שעדיגנדיג אינפראסטרוקטור אין באטראפענע ראיאנען.

בעפאר די שטורעם האט גאווערנער האקול געהאט פאראדנט סטעיט אגענטורן צו צוגרייטן עמערדזשענסי אפרופונג מיטלען און צו שטייען אין כסדר'דיגע פארבינדונג מיט לאקאלע רעגירונגען צו נאכפאלגן די השפעות פון די וועטער און זיך אפרופן צו פארלאנגען פאר הילף. אזוי ווי די שטורעם האט זיך אריבערגערוקט די סטעיט, האט די גאווערנער פארגעזעצט ארויסצושיקן קאטסטראפע הילפס-מיטלען צו באטראפענע ערטער, אריינרעכענענדיג נאך NYSDOT איינגעשטעלטע, וועלכע האבן געארבעט צו צוריק עפענען די סטעיט הייוועיס און בריקן ווי שנעלער.

נאכפאלגנדיג די שטורעם האבן הונדערטע NYSDOT מאנשאפט מיטגלידער און קאנטראקטארס געארבעט ארום דעם זייגער צו פאררעכטן און צוריק עפענען מערערע שאסייען אין די האדסאן וואלי, אריינרעכענענדיג:

- יו. עס. רוט W9 צווישן קארנוואל און די Stony Lonesome Gate אריינגאנג צו וועסט פוינט/.Mountain Ave, אראנדזש קאונטי
- יו. עס. רוט 6/202 (Bear Mountain Bridge Road) צווישן סטעיט רוט D9 און יו. עס. רוט 9 אין די טאון אָוו קאָרטלאנד, וועסטשעסטער קאונטי
- סטעיט רוט 32 ביי Trout Brook Road, טאון אָוו וואודבורי, אראנדזש קאונטי
- די פאליסעידס פארקוועי צווישן עקזיטס 15 און די בער מאונטעין בריק, טאון אָוו היילענדס, ראקלענד קאונטי
- די Long Mountain Circle צווישן יו. עס. רוט 6 און די פאליסעידס אינטערסטעיט פארקוועי
- סטעיט רוט A9 צווישן Skyline Drive און די סאָו מיל ריווער פארקוועי, מאַונט פלעזענט, וועסטשעסטער קאונטי.
- סטעיט רוט 116 צווישן Norton Road און Hunt Lane, נארט סעילעם, וועסטשעסטער קאונטי
- סטעיט רוט 35 אין מזרח-ריכטונג מערב פון Mark Mead Road, קראָס ריווער, וועסטשעסטער קאונטי
- טעקאניק סטעיט פארקוועי אין צפון-ריכטונג, דרום פון Exit 37A, איסט פישקיל, דאָטשעס קאונטי
- סטעיט רוט 22 ביי Hurds Corners Road, פאולינג, דאָטשעס קאונטי

די NYSDOT וועט פארזעצן מיט די פאררעכטונגען צו די געשעדיגטע בריק אין די קומענדיגע וואכן, וועלכע וועלן אריינרעכענען דאס אוועקנעמען די אויסגעשטעלטע 'פליגל ווענט', אפרייניגן די שיפע חלק, פארבעסערן די אפלויף סיסטעם און עמטליכע פאררעכטונגען צו די שאסיי און טראטואר. אן קיין שייכות צו די שטורעם שאדנס, גייט די ארבעט ווייטער אן אויף א רענאוואציע פראיעקט צו ערזעצן די אונטערהאלטנדע 'אייבאַרס' און 'פינס' אויף די פּאַפאלאָופען בריק, ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן דורכאויס די קאנסטרוקציע סעזאן. דרייווערס ווערן געמוטיגט צו זיין פארזיכטיג בים אריבערפארן די געגנט.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט**, "די צופרי נאך די שטורעם בין איך געווען אין היילענד פאָלס און אין די ארומיגע קאמיוניטיס, צוזעהענדיג די חורבנות ערשטהאנטיג. איך האב זיך געטראפן מיט אזויפיל מיטגלידער פון די קאמיוניטי וואס זענען באטראפן געווארן דורך די פארפלייצונגען, אריינרעכענענדיג טשאַרלי, איינער פון אונזערע אייגענע DOT הייוועי ארבייטער, וועמען'ס היים איז פארפלייצט געווארן. די השפעות פון די עקסטרעמע וועטער פאסירונג האבן באטראפן אונזער DOT פאמיליע, און דאס זענען געווען גענוי די זעלבע פאמיליע מיטגלידער וועלכע האבן פלייסיג געארבעט צו פאררעכטן אונזער טראנספארטאציע נעטווארק און שנעלערהייט פאררעכטן אלע אונזערע קאמיוניטיס, אריבער די גאנצע סטעיט. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט דורכאויס די צרה און פאר אונזערע קאונטי און לאקאלע שותפים און פאר אונזער איבערגעגעבענע מאנשאפט פון פראפעסיאנאלן וועלכע האבן געארבעט ארום דעם זייגער צו צוריק עפענען אזויפיל שאסייען אין א רעקארד-שנעלע צייט. מיט די פארגרעסערטע דראאונג אנגעברענגט דורך קלימאט טויש, וועלן מיר פארזעצן זיך צו פארמעסטן מיט די סכנות פון וועטערן פון די סארט, און אונזער מאנשאפט ביי די NY סטעיט DOT איז פארפליכטעט נישט סתם צו דורכפירן די ערהוילונג פון די פאסירונגען, נאר זאגאר צו העלפן צוריקבויען די קאמיוניטיס נאך בעסער פון בעפאר."

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "די שטורעם'ס קאטאסטראפישע שאדן צו די בריק האט געפירט צו א באדייטנדע שטער צו די טראפיק, נעגאטיווע השפעות אויף לאקאלע קליינע ביזנעסער און עס האט דאס שווערער געמאכט פאר אונזערע ערשטע הילף מאנשאפטן צו טוהן זייערע דזשאבס זיכערערהייט און ווירקזאמערהייט. א דאנק די נאענטע קאארדינאציע צווישן פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעגירונג, און באזונדערס די העלדישע ארבעט 24/7 פון די מאנשאפטן אויפן סצענע, בין איך שטאלץ צו אנאנסירן אז די פאַפאלאָופען בריק איז צוריק אפן פאר די סקעדזשול. מיר מוזן פארזעצן צו ברענגען די דרינגליכקייט און קאנצענטראציע אויף די ריניגונגען נאך די שאדנס צו היימער, קליינע ביזנעסער און אינפראסטרוקטור אריבער די ראיאן. איך וועל ווייטער שטופן דערפאר אז יעדער וואס איז באטראפן געווארן זאל באקומען די הילף וואס זיי דארפן און וואס קומט זיך זיי."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופיס האט געזאגט,** "די פארשליסונג פון די פאַפאלאָופען בריק נאכפאלגנדיג יולי'ס עקסטרעמע פארפלייצונגען האט געהאט א שווערע ווירקונג אויף די טאון אָוו היילענדס קאמיוניטי, שטערנדיג לאקאלע ביזנעס, פארשלעפנדיג נויטיגע ערהוילונג באמיאונגען און סופלייס און מאכנדיג טעגליכע רייזעס אומגעהויערליך לאנג אדער, אין געוויסע פעלער, אינגאנצן אוממעגליך. איך אפלאדיר די DOT פאר זייער פלינקע פאררעכטונג פון די קריטישע אינפראסטרוקטור אונטער די פירערשאפט פון קאמישאנער דאמינגעז, און איך בין ווייטער זיכער אז אונזערע קאמיוניטיס וועלן צוריקקומען שטערקער אזוי ווי די ערהוילונג אונטערנעמונג גייט ווייטער פאר. אונזער אפיס וועט פארזעצן צו ארבעטן פון די נאענט מיט די DOT און מיט אנדערע לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע שותפים צו פארזיכערן אז יעדע מעגליכע מיטל ווערט אויסגענוצט דורכאויס די איבערבויאונג."

**אסעמבלי מיטגליד קריסטאפער איקוס האט געזאגט,** "אזוי ווי די וועלכע וואוינען אין טאון אָוו היילענדס ווייסן, איז די פאַפאלאָופען בריק ווי א רעטונג שטריק פאר אונזער קאמיוניטי, און די חורבנות דערפון פון די שטורעם וואס קומט אמאל אין א טויזנט יאר האבן געהאט אן אומשאצבארע ווירקונג אויף אונזער איינוואוינער. איך בין גאר דאנקבאר פאר די NYSDOT און פאר זייערע איבערגעגעבענע אינדזשענירן פאר זייער אומאויפהערליכע ארבעט דורכאויס די פארגאנגענע פיר וואכן און פאר זייער קאארדינאציע מיט לאקאלע בעאמטע צו פארזיכערן אז די בריק איז זיכער און פונקציאנירט אין רעקארד-שנעלע צייט. דאס איז א ריזיגע טריט פאראויס פאר אונזער ראיאן אזוי ווי מיר זעצן פאר צו צוריק אויפבויען אונזער געגנט'ס געשעדיגטע אינפראסטרוקטור און אזוי ווי מיר ארבעטן צו אויפרעכטן די לעבנס פון די וועלכע זענען שווער באטראפן געווארן."

**אראנדזש קאונטי עקזעקיוטיוו סטיווען מ. ניוהאוז האט געזאגט,** "די פּאַפּאלאָופּען בריק איז א קריטישע שאסיי אין אראנדזש קאונטי, און איך בין פרייליך אז עס האט זיך צוריקגעעפנט וויניגער פון א חודש נאך די חורבנות-אנזייענדע שטורעם וואס האט עס געשעדיגט. עס איז נאך א וויכטיגע טריט פאראויס אזוי ווי מיר ערהוילן זיך פון די שטורעם, און עס וועט בענעפיטירן איינוואוינער אין די דרום-מזרח חלק פון די קאונטי און באזיכער צוגלייך. איך וויל באדאנקען די סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט פאר זייער פלייסיגע ארבעט צו פאררעכטן די בריק."

**טאון אָוו הײלענדס סופּערווייזאר באב ליוויסי האט געזאגט,** "מיר האבן געווארט לאנג, אבער די היינטיגע טאג וועט ארויפלייגן א שמייכל אויף מענטשן'ס געזיכטער."

**פאראייניגטע שטאטן מיליטער אקאדעמיע סופּעראינטענדענט, ליוטענאנט דזשענעראל סטיווען וו. דזשילענד, האט געזאגט,** "אין נאמען פון די וועסט פּוינט קאמיוניטי, וויל איך באדאנקען אלע אונזערע שותפים, סיי פון די סטעיט און סיי לאקאל, פאר זייער פעלזן-פעסטע פירערשאפט און געטרייע באמיאונגען צו אויפרעכטן די קריטישע פארבינדונג צווישן אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס און די לאָווער האדסאן וואלי. עס איז א קריטישע טריט אויף פאראויס אויף די וועג צו ערהוילונג, און עס וועט דירעקט שטיצן איבערבויאונג באמיאונגען איבער די קומענדיגע חודשים."

פּאַלאָוט די ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter: @NYSDOT. טרעפט אונז אויף Facebook ביי facebook.com/NYSDOT.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418